א געלע ווי וואקס. אין די געקראטעטע פענסטער האט געגליווערט א ליכטיקייט נישט־פון־דער־וועלט. זיצן נאך דארטן ארעסטאנטן? האט איין געפאנגענער פארשפארט דעם אנדערן? אויף די נאלעווקיס האט עוזר־העשל בייגעוואוינט אן אויסטערליש בילד. אין א געוועלב האט געברענט א פייער. דער פלאם האט זיך פאמעלעך געקייקלט צווישן די פאליצעס, קליין און קנויליק, ווי א שרעטל...

עוזר־העשל האט זיך דערשלעפט צו דער פראנציסקאנער. דאס הויז וואו דינהלע האט געוואוינט איז נאך געשטאנען. דאס טויער איז געווען פארמאכט, נאר ער האט אזוי לאנג געקלאפט ביז מ'איז געקומען עפענען. די הויז־וועכטערין האט אים געקאנט. ער האט געעפנט די טיר און דערבליקט אידלען. זי איז געזעסן אויף א בענקעלע און פארריכט א העמד. דערזען עוזר־העשלען, האט זי א ציי געטאן די נאדל־פאדעם, געבליבן א פארגליווערטע. די האר אויפן קאפ זיינען איר אין די פאר וואכן געווארן אזוי ווייס ווי די לייוונט אויף דער שויס.

## 2

דאס ביאלאדרעוונער שטיבל אויף דער גזשיבאווסקע איז נישט חרוב געווארן אין דער באמבארדירונג. פליטים האבן אהער אריינגעטראגן בעטגעוואנט, בינטלעך שטרוי און מ'האט דא געוואוינט מיט די ווייבער און קינדער. אויף ראש־השנה האט מען געפונען פאר די היימלאזע אנדערע נאכטלעגערס. דער שמש און א פאר בחורים האבן אויסגערייניקט דאס מקום־קדוש. מ'האט געעפנט די פענסטער ס'זאל זיך אויסלופטערן. מ'האט אנגעטריפט ליכט אין ששה־נרות. מ'האט זיך גערעכנט, אז א קנאפער עולם וועט קומען דאווענען, ווארים ס'איז א סכנה ארויסצוגיין פון שטוב. דערצו האט מען געכאפט מאנסליים אויף ארבעט. אבער די נאכט פון ראש־השנה איז דאס שטיבל געווען פול. די שויבן האט מען געהאט פארקלעפט מיט שווארץ פאפיר און פארשטעלט מיט ראלעטן. מ'האט אנגעצונדן א נאפט־לאמפ. חסידים זיינען געקומען אין אטלעסענע קאפאטעס און אין שטריימלען. דער רבי, ר' אהר'לע, איז געשטאנען ביי דער מזרח־וואנט. פיניעלע האט געדאווענט דעם יום־טובדיקן מעריב. די ווערטער: כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה האט ער געזונגען מיט א הייזעריק קול. ייִנגלעך האבן צוגעהאלפן מיט טריליקע קולכלעך. ווארשע איז געווען באלאגערט פון די נאציס. הייזער האבן געברענט. מ'האט געהערט דאס שיסן פון הארמאטן. נאר דא, אין ביאלאדרעוונער שטיבל, האט אלץ אויסגעזען ווי אמאל. אויפן ארון־קודש האט מען אנגעהאנגען א ווייס־אטלעסן פרוכת, ווי ס'פירט זיך אין ימים־נוראים. די שיין פון בליץ־לאמפ האט זיך געשפיגלט אין די געגילדעטע לייבן, וואס האבן אונטערגעהאלטן די עשרת־הדברות, אין דעם געלייש פון טישטוך אויפן שולחן, אין די רוקנס פון די ספרים, אין „שוויתי" מיט דעם רויטן שם הויה. ווי וואויל ביאלאדרעוונער חסידים מאכן נישט קיין תנועות ביים דאווענען, האבן זיך היי־יאר ארויסגעריסן א סך זיפצענישן. מ'האט זיך געשאקלט, געפאטשט מיט די הענט, געקרעכצט. איטשעלע אנשלס, פישעלעס לייב־מענטש, איז אויפסניי געווארן אן אלמן. דאס ווייב איז אומגעקומען פון א באמבע. ער איז געשטאנען אין א ווינקל און געוויינט בדמעות שליש. ביי פישעלען איז אויך געשען אן אומגליק. פישעלע אליין איז געווען אין ארץ־ישראל, נאר ביים יינגסטן ייִנגל, יחיאל (א נאמען נאכן רבין), האט א שפליטער אפגעריסן א פיסל. ניוניע, הדסהס פאטער, איז דאסמאל אויך געקומען דאווענען. ער איז געזעסן אויף דער באנק אן איינגעבויגענער, גרוי ווי א טויב, און אריינגעקוקט אין א מחזור. וואס איז ארויסגעקומען פון דער השכלה זיינער, פון די אלע ביכער, וואס ער האט געלייענט, פון די אלע נייע אידייען? נישט דארווין האט איצט געקאנט העלפן און נישט ספענסער. דאס געוועלב אויף דער שווינטאָקושיסקע איז פארברענט. אין דער דירה אויף דער באגאטעלע האבן זיך באזעצט גוים. ער האט זיך געוואלגערט מיטן ווייב און מיטן איניקל — דאשקען — ביי פיניעלען אויף דער טווארדע. יונגעלייט זיינען געלאפן קיין רוסלאנד, אבער ער, ניוניע, איז אן אלטער ייִד. ער קען נישט לויפן. ער'ט אויך נישט איבערלאזן אליין בראניען און דאשקען. ניוניע האט געמישט די פארגעלטע בלעטער, וואס ס'זיינען אויף זיי געבליבן פלעקן פון דאכעס טרערן. ער האט געכאפט א בליק אין עברי־טייטש:

גאט, דער גאט פון אונדזערע עלטערן, קעניג אויף דער גאנצער וועלט מיט דיין כבוד און ווער דערהויבן איבער דער גאנצער ערד מיט דיין טייערקייט, און טו שיינען מיט גאר דער פראכט פון דיין מעכטיקער שטארקייט אויף אלע זיצער פון דיין ערד, די וועלט. און זאל וויסן יעדעס ווערק, אז דו האסט עס באווירקט, און זאל פארשטיין יעדעס באשעפעניש, אז דו האסט עס באשאפן, און זאל זאגן אלץ, וואס האט א נשמה אין די נאז־לעכער, גאט, דער גאט פון ישראל, איז דער מלך און זיין קעניגרייך טוט געוועלטיקן איבער אלץ.

ניוניע האט געלייענט, געשאקלט מיטן קאפ. שיין האט ער אונדז אפגעטאן, דער גאט פון ישראל!... ער האט אונדז דערלאנגט יענע גאב!... אלץ האט אפגענארט: די רעליגיע, די עוואלוציע, דער פראגרעס, דער מין מענטש. נאך מעריב, ווען פיניעלע האט אים געוואונטשן: לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים, האט ניוניע א מאך געטאן מיט דער לינקער האנט: עט... מחמת אין א סך הייזער איז נישט געווען קיין וויין אויף קידוש און דער רבי האט געהאט וויין, האט דער שמש געמאכט קידוש, ווי דאס פירט זיך ביי די אשכנזים. אין דער גאנצער בהלה פון קריג האט לאה, דעם רבינס מוטער, געהאט אויסגעביטן דאלארן און אנגעקויפט פאר די קרובים און היימישע וואס ס'האט זיך געלאזט. דער אמעריקאנער קאנסול האט געהאט פארזיכערט לאהן, אז ווי נאר די באמבארדירונגען וועלן אויפהערן, וועט ער איר העלפן זיך אומקערן קיין אמעריקע צוזאמען מיט לאטען און מאשען. ער האט אפילו צוגעזאגט צו פועלן מ'זאל אהר'לען לאזן צוריקפארן קיין ארץ־ישראל. אויף איר, לאהס, חשבון האט מען באזארגט ארעמע חסידים מיט ברויט, מעל, קארטאפל, פרוכטן, האניק, און וואס מ'האט געקראגן. געפארעט האט זיך ביי דער איינקויפונג און דער פונאנדערטיילונג אביגדור, אבראמס איידעם. ער האט זיך ממש איינגעשטעלט צו ברענגען די שפייז צו די חסידים. ער איז געלאפן מיט די פעק בעת די באמבעס זיינען געפאלן. ביילע־איטע, דאס ווייב, האט זיך געבעטן, ער זאל זיך היטן; ער איז א טאטע פון קינדער; נאר אביגדור איז געבליבן ביים זייניקן.

— ווער'ט מורא פאר זייערע באמבעס? ס'איז נישט ווערט קאַן אויסגעבלאזן איי... שלוחי מצווה אינן נזוקין!...

He passed the armory. The square prison squatted, as yellow as wax. A light not of this world froze in the barred windows. Had one prisoner jailed another? On Nalevki Street, Asa Heschel saw something weird: A fire burned in a shop and the flame rolled slowly among the shelves, small and lumpy, like a gnome.

Asa Heschel finally reached Francishkaner Street. The house where Dinah lived was still standing. The gates were shut, but he kept knocking until someone came. The janitor knew him. He opened the door and saw Edel. She was sitting on a stool mending a shirt. When she saw Asa Heschel she pulled the needle and stopped, petrified. During the last few weeks the hair on her head had grown as white as the linen on her lap.

## 2.

The Byalodrevna prayerhouse on Gzhibovska Street had not been destroyed in the bombardment. Refugees brought bedding, sacks of straw, and lived here with their wives and children. For Rosh Hashona different sleeping quarters were found for the homeless. The sexton and a few young men cleaned out the sanctuary. The windows were opened to ventilate the place. Wax was dripped into the six-branched candelabrum. It was not expected that many would come to pray, because it was dangerous to leave the house. In addition, men were being impressed for labor. But the night of Rosh Hashona the prayerhouse was full. The windows were pasted over with black paper and covered by shades.

A kerosene lamp was lit. Hassidim came wearing their satin caftans and fur brimmed hats. The rabbi, Reb Arele, stood at the Eastern Wall. Pinye led the holiday evening prayers. With a hoarse voice he sang the words "for they are our life and the length of our days and upon them we shall meditate day and night." Boys chimed in with piping little voices.

Warsaw was under siege by the Nazis. Houses burned. The firing of cannon could be heard. Only here, in the Byalodrevna prayerhouse, everything seemed to be as of old. A white satin curtain covered the Holy Ark, as is customary on the High Holy Days. The gleam of the bright light was reflected in the gilded lions that supported tablets of the ten commandments, in the embroidery of the tablecloth on the table, on the Scrolls, on the bindings of the holy books, in the red lettering of God's ineffable name on the mantle of the Scrolls. Although Byalodrevna Hassidim did not ordinarily cry out during prayers, this year sighs erupted everywhere. Men rocked back and forth, clapped their hands together, groaned.

Itchele Anshels, Fishele's relative, was a widower again. His wife had been killed by a bomb. He stood in a corner and wept bitterly. Fishele had also suffered a misfortune. While Fishele was in Palestine, his youngest son, Yekhiel (named after his Rebbe), had lost a leg, severed by a bomb fragment. Nyunye, Hadassah's father, also came to pray. He sat hunched over on the bench, gray as a pigeon, and read his prayerbook. What had come of the Enlightenment in which he had believed so ardently, of all those books he had read, of all those new ideas? Darwin could not help him, nor Spencer. The shop on Shtyentokzhiska Street had burned down. The apartment on Bagatelle Street was occupied by Gentiles. Homeless, he and his wife and granddaughter Doshke were put up at Pinyele's on Tvarda Street. Young men were on the run to Russia, but Nyunye was an old man. He couldn't run, nor could he leave Bronya and Doshke alone. Nyunye turned the yellowed leaves, stained with Dakhe's tears. He glanced at the Yiddish translation:

> God, the God of our fathers, rule Thou over the whole world with Thine honor and be Thou exalted over the whole world with Thine esteem and shine Thou with all the glory of Thy mighty strength on all the places of Thine earth, the world, and let each of Thy works know that Thou didst work it, and let every creature know that Thou didst create it, and let everything that has a soul in its nostrils say, "God, the God of Israel, is king and His kingdom doth reign over all."

Nyunye read and shook his head. He really gave it to us, the God of Israel! He gave us full measure. Everything was a deception: religion, evolution, progress, mankind itself. After the evening prayer, when Pinyele wished him a good year and a good always, Nyunye waved his left hand and grunted: "Eh. . . ."

Since many homes had no wine for the kiddush sanctification and the Rebbe did have wine, the sexton recited the kiddush for all, as is the custom among Ashkenazi Jews. In the turmoil of war, Leah, the Rebbe's mother, had changed her dollars and bought whatever she could for relatives and friends. The American consul had assured Leah that, as soon as the bombings ended, he would help her return to America along with Lotte and Mashe. He even promised to get permission for Arele to return to Palestine. At Leah's expense, poor Hassidim were provided with bread, flour, potatoes, fruit, honey and whatever could be gotten. The buying and distributing were done by Avigdor, Abram's son-in-law. He literally risked his life to bring food to the Hassidim. He ran with bundles among the falling bombs. His wife, Beyle-Ite, begged him to be careful, to remember he was a father, but Avigdor was not to be moved.

"Who's afraid of their bombs? They're not worth a fig. 'He who is sent to perform a good deed is protected from harm.' "

זיך גלאַט געפּשעטלט? וואָס איז דאָס אַזוינס די סובסטאַנץ מיט די אומענדלעכע אַטריבוטן? וועמען רופֿט ער גאָט? וואָס איז געדאַנק? וואָס איז גייסט? וואָס זיינען אידייען? וואָס פֿאַר אַ שפּינוועבס האָט ער דאָ צונויפֿגעפֿלאָכטן? עוזר־העשל האָט געפּרוּווט דורכגיין אויף דער גיך אַלע טעאָרעמעס, נאָר וואָס מער ער האָט אַריינגעקוקט, אַלץ פֿאַרווירטער איז ער געוואָרן. טייל זאַצן זיינען געווען זעלבסטפֿאַרשטענדלעך; אַנדערע האָבן אים איצט אויסגעזען אומקלאָר, פֿיל־דייטיק, אַ שפּיל פֿון ווערטער. די הויפּט־זאַך: מ׳קאָן גאַנץ גוט זיין סיי אַ נאַצי, סיי אַ שפּינאָזיסט. אמת, די פֿאַשיסטן זיינען קעגן שפּינאָזאַן, אָבער בלויז דערפֿאַר ווייל ער איז אַ ייִד. די פּראָפֿעסאָרן פֿון פֿילאָזאָפֿיע אין בערלין, לייפּציק, באָן, גריבלען זיך אַוודאי איצט אויך אין שפּינאָזאַן, פּונקט ווי די פּאָעטן שרייבן דאָרט ווייטער לידער און די עסייאיסטן פּלוידערן וועגן קולטור, עסטעטיק, עטיק, פּערזענלעכקייט. מען האָט פֿונאַנדערגעטיילט די ראָלן: דו שלאָג און דו זינג, דו פֿילאָזאָפֿיר און דו רויב, דו קויל קינדער און דו שרייב געשיכטע. צוזאַמען איז דאָס ציוויליזאַציע. וואָס־זשע טוט מען, האַ? ווי אַנטלויפֿט מען פֿון דעם געשפּענסט? נישטאָ וואוהין. דער וואַלד איז אויך אַזוי: מ׳פֿרעסט זיך און מ׳זינגט שירה. דער תּנ״ך? יאָ, לאָמיר נאָר טאָן אַ קוק. וואָס זאָגט ער דאָרט, משה? גנבֿע נישט. הרגע נישט. שלאָף נישט מיט פֿישעלעס ווייב. גלוסט נישט זיין ווייב, זיין אָקס, זיין אייזל. ס׳איז גרינג צו זאָגן. די גאַנצע באַשאַפֿונג איז איין גרויסער מאָרד. ס׳איז געווען און געבליבן כל דאלים גבר...

עוזר־העשל האָט זיך אויפֿגעריסן. ער איז אַרויס אין מיטל־שטוב, אַרויסגעצויגן פֿון ספֿרים־שענקל אַ תּנ״ך. ער האָט גענומען בלעטערן, אַהין און צוריק. נו, וואָס זאָגט איר איצט? נביאימלעך? צוויי טויזנט יאָר ווי מיר וואַרטן אויף אייערע צוזאָגענישן, און וואָס האָבן מיר אויסגעוואַרט? נישט קיין חסד, נישט קיין משפּט, נישט קיין צדק! היטלער ביי וואַרשע און נירנבערגער געזעצן אין ארץ־ישראל! יעהאָוואַ איז נאָך אַלץ דערצאָרנט. ס׳ברימט אים נאָך אַלץ אין די נאָזלעכער...

עוזר־העשל האָט געוואָלט טאָן אַ וואַרף דאָס תּנ״ך אויף דער ערד, אָבער די האַנט האָט זיך נישט געלייגט. ער האָט עס צוגעטראָגן צו די ליפּן און געטאָן אַ קוש. וואָס זיינען זיי שולדיק? זיי האָבן געמיינט גוט. זיי האָבן נעבעך געוואָלט צדק ומשפּט. זיי זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן דאָס געבענקט אויף אַן אמת. קעגן וועמען האַלט דען היטלער מלחמה אויב נישט קעגן זיי און זייערע קינדער? אַלע רשעים ווייסן שוין דעם סוד: איין שונא האָבן זיי: דעם ייִד און זיין תּנ״ך. היטלער טוט דאָס, וואָס די אַנדערע באַגערן...

עוזר־העשל האָט זיך אַוועקגעזעצט אין קיך, פֿונסניי געמישט. זאָל זיין, ס׳איז נישטאָ קיין גאָט! זאָל זיין, אַז גערעכט זיינען די רוצחים! זאָל זיין, אַז גאָט אַליין איז אויף היטלערס צד! זאָל זיין, אַז משה איז אַ ליגנער! די רייד זיינע ווערן צוליב דעם נישט ווינציקער, נאָר הערלעכער. איין ייִד, משה בן עמרם, האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן דער נאַטור, דעם מענטש, דער געשיכטע, און געלאָזט הערן זיין קול: אנכי ה׳ אלוהיך, אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים... לא תרצח. לא תנאף. לא תגנוב. לא תענה ברעך עד שקר... קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלוהיכם... לא תגנבו ולא תכחשו ולא תשקרו איש בעמיתו... לא תעשוק את רעך ולא תגזל... לא תעשו עוול במשפט, לא תשא פני דל ולא תהדר פני גדול... לא תלך רכיל בעמך... לא תשנא את אחיך בלבבך. הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא. לא תקם ולא תטר את בני עמך, ואהבת לרעך כמוך... ולא תלכו בחוקת הגוי אשר אני משלח מפניכם כי את כל אלה עשו ואקוץ בהם. ואמר לכם: אתם תירשו את אדמתם ואני אתננה לכם לרשת אותה, ארץ זבת חלב ודבש... ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי... ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה, לתהלה ולשם ולתפארת ולהיותך עם קדוש לה׳ אלהיך...

אין דרויסן האָבן געקראַכט באָמבעס. פֿייערן האָבן געפֿלאַקערט. האַרמאַטן האָבן געשאָסן. נאָר עוזר־העשל האָט נישט איבערגעריסן דאָס לייענען. די דאָזיקע רייד זיינען נישט אומקלאָר און פֿילדייטיק. דער נאַצי האָט זיי נישט געקאָנט צואייגענען. דאָס זיינען נישט קיין ווערטער, נאָר פֿלאַמען, וואָס דער אייביקער ייִד האָט געשליידערט קעגן דעם אייביקן רשעות.

*

יענעם טאָג האָבן צענדליקער מייל פֿון וואַרשע, אין אַ סאָסנע־וואַלד, געפֿייערט ראש־השנה דריי מאַנסליים און צוויי פֿרויען. די דייטשן האָבן געהאַט אַרומגערינגלט די געגנט, נאָר ס׳איז געבליבן אַ האָפֿענונג זיך דורכצורייסן דורך דעם פֿראָנט און אָנצוקומען קיין רוסלאַנד אָדער קיין רומעניע. געגאַנגען איז די גרופּע מיט איין תּכלית: צו דערגרייכן ארץ־ישראל. דער עלטסטער אין דעם בינטל איז געווען שמעון בענדל. די אַנדערע צוויי זיינען געווען חלוצים פֿון גראָכאָוו. פֿון די נקבֿות איז איינע געווען אַ חלוצה און די אַנדערע — אַ חברטע פֿון השומר הצעיר. אין וואַלד איז מען געבליבן דערפֿאַר, ווייל ס׳איז געווען אַ סכּנה זיך צו געפֿינען אין וועג. דערצו האָט מען געמוזט רוען. די שיך זיינען געוואָרן צעריסן. די פֿיס זיינען פֿול געווען מיט ביילן און בלאָזן. מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ פֿלאַך טייכל, צווישן קוסטעס. פֿייגל האָבן געשריגן. אַ פּיקהאָלץ האָט געפּיקט. אַ קוקולקע האָט געקוקעט. דאָס מרוקעניש פֿון קי האָט אָפּגעהילכט צווישן די שטאָמען. אומגעזעענע האָבן געבלאָזן שופֿר... אַ טשערעפּאַכע האָט זיך געקייקלט איבערן מאָך, ווי אַ גייענדיקער שטיין. די מיידלעך האָבן אויפֿגעבונדן די בינטלעך, די יונגען — די רוק־זעק. ווער ס׳האָט געקעמט די האָר און ווער ס׳האָט געוואַשן די פֿיס; ווער ס׳האָט צוגעלייגט זאַלב צו אַ וואונד און ווער ס׳האָט געביסן אַ פּעניץ פֿאַרדאַרט ברויט. שמעון בענדל האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס די שווערסטע לאַסט. אין רוק־זאַק זיינעם האָט זיך געפֿונען אַ טעפּל און אַ לעפֿל, ברויט און קאַשע, וואורשט און געטריקנטע באַרנדלעך, אַ לייבל און הויזן, ביאַליקס שירים און אַ מאַפּע פֿון ארץ־ישראל. אין הויזן־קעשענע האָט געשטעקט אַ רעוואָלווער, אין פֿאָדערשטן טאַש — אַ קאָמפּאַס. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ מעסער מיט אַ קופּערנעם שטיל. שאָשען האָט שמעון געמוזט איבערלאָזן אין וואַרשע. אַ טראָגעדיקע, האָט זי נישט געהאַט קיין כּוח צו די וואָגלענישן. אָבער ער אַליין, שמעון, האָט נישט געהאַט בדעה זיך צו לאָזן שעכטן ווי אַ שאָף, נישט פֿון קיין אַראַבער און נישט פֿון קיין דייטש. ער איז דעם גאַנצן וועג געגאַנגען פּאָרדיס, מיט אַ משא אויפֿן רוקן, אַ באַוואַקסענער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. שוואַרץ פֿון דער זון, און אונטערגעברומט זיין באַליבטן שיר:

was he simply splitting hairs? What is it, this substance and its endless attributes? Whom does he call God? What is thought? What is spirit? What are ideas? What sort of spider's web has he woven here? Asa Heschel tried to run quickly through all the theorems, but the more he studied, the more confused he became. Some sentences were obvious; others now seemed to him unclear, ambiguous, a game of words. In essence, one could very well be both a Nazi and a Spinozist. True, the fascists were opposed to Spinoza, but only because he was a Jew. The professors of philosophy in Berlin, Leipzig, Bonn, are no doubt analyzing Spinoza now, just as the poets there are still writing poems, and the essayists are chattering about culture, aesthetics, ethics, personality. They had divided the roles among themselves. You fight and you sing; you philosophize and you rob; you slaughter children and you write history. All together this is civilization. Then what does one do, eh? How does one escape from this horror? There is no place to run. The jungle is exactly the same. They devour and they sing hosannahs. The Bible? Yes, let's have a look. What does he say there, Moses? Don't steal. Don't kill. Don't sleep with Fishele's wife. Don't even covet his wife, his ox, his ass. It's easy to say. All of creation is one great murder. It has always been and still is. Might is master.

Asa Heschel leaped up. He hurried into the living room, drew a Bible out of the bookcase. He began to leaf through the pages, back and forth. Well, my dear Prophets, what do you fellows have to say for yourselves now? For two thousand years, we have been awaiting the fulfillment of your promises, and what has come of our waiting? Neither grace, nor judgment, nor righteousness! Hitler at the gates of Warsaw and Nuremberg laws in the Land of Israel. Jehovah is still wrathful. He still breathes fire.

Asa Heschel wanted to throw the Bible to the ground, but his hand did not move. He took the book to his lips and kissed it. What fault is it of theirs? They meant well. Did they not want judgment with righteousness? They were the only ones that yearned. Whom is Hitler warring against if not against them and their children? All evildoers already know the secret: they have but one enemy—the Jew and his Bible. Hitler is only doing what the others want. . . .

Asa Heschel sat down in the kitchen and began turning the pages again. Suppose there is no God! Suppose the murderers are right! Suppose God himself is on Hitler's side! Suppose Moses is a liar! His words are thereby not diminished but more exalted. One Jew, Moses ben Amram, stood up in opposition to nature, to man, to history and let his voice be heard:

> I am the Lord Thy God Who brought thee out of the land of Egypt, out of the house of slavery. . . . Thou shalt not kill. Thou shalt not commit adultery. Thou shalt not steal. Thou shalt not bear false witness against thy neighbor. . . . Be holy, for I, the Lord thy God, am holy. . . . Thou must not steal nor deal deceitfully nor fraudulently with thy neighbor. . . . Thou must not oppress nor rob thy neighbor. . . . Thou must not be guilty of unjust verdicts. Thou must neither favor the little man nor be awed by the great. . . . Thou must not slander thy people. . . . Thou must not bear hatred for thy brother in thy heart. Thou must openly tell him of his offense, thus not take a sin upon yourself. Thou must not exact vengeance nor bear a grudge against thy people. Thou shalt love thy neighbor as thyself. . . . Thou shalt not follow the laws of the nations that I expel to make way for thee, because they have practiced all these things and I have come to detest them. And I say unto thee: thou shalt take possession of their soil. I myself will give it to thee, a land flowing with milk and honey. . . . And I will set thee apart from all these peoples to be mine . . . to be high above the other peoples I have made, in praise, in reknown, and in honor, to be a nation consecrated to the Lord, your God. . . .

In the street, bombs kept exploding. Fires flamed. Cannons cracked. But Asa Heschel did not interrupt his reading. These words, indeed, are neither unclear nor ambiguous. The Nazi could not adopt them. These are not words but flames that the eternal Jew has flung at eternal evil.

That day, scores of miles from Warsaw, in a pine forest, three men and two women celebrated Rosh Hashona. The Germans had surrounded the region, but there remained a hope of breaking through the front and reaching Russia or Roumania. The group had one aim in mind: to reach the land of Israel. The oldest of the small band was Shimon Bendl. The other two were would-be pioneers from Grokhov. One of the women was also a Halutz, the other, a member of the Hoshomer Hatzeir Party. They had remained in the forest because of the danger of being seen on the roads. And, they needed to rest. Their shoes were torn. Their feet were swollen and blistered. They sat down among the bushes near a quiet stream. A woodpecker pecked away at a tree. A cuckoo cried. The lowing of cows echoed from the meadows. The blowing of a shofar was heard from somewhere. A turtle slid across the moss like a moving stone. The girls untied their bundles; the young men, their rucksacks. One combed his hair; another washed his feet. One applied salve to a sore; another bit into a slice of hardened bread. Shimon Bendl had carried the heaviest burden on his back. His rucksack contained a pot and a spoon, bread and buckwheat groats, salami and dried pears, an undershirt and pants, Bialik's poems, and a map of Eretz-Israel. A revolver was stuck into his back pocket, a compass in his side pocket. He had a knife with a copper handle. Shimon had had to leave Shosha in Warsaw. In her pregnant state, she was in no condition for the journey. But Shimon himself had no intention of letting himself be slaughtered like a sheep, neither by

שם בארץ חמדת אבות
תתקיימנה כל התקוות.
שם נחיה וגם ניצור
חיי חופש, חיי דרור.
שם תהא השכינה שורה,
שמה תפרח שפת התורה — — —

• •

שמעון בענדל און זיינע חברים זיינען נישט געווען די איינציקע. פון יעדן שטעטל האבן זיי זיך געלאזט, חלוצים, שומרים, סתם יונגווארג, יעדער מיט דעם איינגענעם באגער: צו דערגרייכן אהין, אין צוגעזאגטן לאנד, קיין ירושלים און תל־אביב, יפו און חיפה, די קאלאניעס און די קבוצות. זיי האבן זיך גע־וואלגערט אין אלע פארט־שטעט. זיי זיינען ארומגעשוואומען אויף די וואגל־שיפן. זיי האבן געשווארצט אלע גרענעצן. געפאנגענע ביי די קראטן פון די קאנ־צענטראציע־לאגערן זיינען זיי געשטאנען, מיט געלע פנימער, צעשמיסענע לייבער, און געחלומט איין חלום: סערטיפיקאטן. די שוועלן פון יעדן קאנסול האבן זיי אפגעשלאגן און געבעטן א וויזע. ווי אין דער צייט פון סיחון האבן זיי צו־געשוואוירן: מיר וועלן זיך נישט אפנייגן אין קיין פעלד און א ווייַנגארטן. מיר וועלן נישט טרינקען וואסער פון א ברונעם. איפן דרך־המלך וועלן מיר גיין, ביז מיר וועלן אדורך דיין געמארק... אבער זיינען דען נישט די היינטיקע סיחונס די אייגענע וואס פארצייטן?

ווייט איז געווען די יידישע ערד. פארשלאסן איז געווארן די מדבר. קיין וואלקן־זייל האט נישט געוויזן דעם שטעג בייטאג. קיין פייער־זייל האט נישט געלויכטן ביינאכט. פארבארגן האט גאט זיין פנים. געשלאגן איז געווארן יעקב. געשפעט האבן זיינע פיינט: וואו איז דיין גאט, ישראל? וואס שווייגט ער, דיין באשיצער? וואו איז זיין רעכט? וואו איז זיין בונד? באטריגט האבן דיך דיינע נביאים. גאט אליין איז א נאצי...

יעקב איז פארברענט, דינה — געשענדט, שמעון ולוי — גורט־אן די לענדן. האפט נישט אויף קיין דערבארעמונג. עמלק לויערט אויף אייך. פרעה שפאנט זיינע רייטוועגן. אלץ איז נאך געבליבן: ישראל און דער כנעני, גאט און געץ, מצרים און דער טאפ פלייש. משה איז טויט, אבער זיין ווארט רופט אייך: גייט אויף, רעשטלעך פון ישראל, און ברייט־צו די לעצטע שלאכט. ווייל א פלאקער איז דאס הויז פון יעקב און דאס הויז פון עשיו איז שטרוי. גייט־אויף און פארכט נישט. אויף אייער זייט איז דער לעצטער זיג. צו אייך וועט קומען משיח.

תם ונשלם

Arabs nor by Germans. The entire time he led the way, a load on his back, unshaved, head bent, burnt by the sun, and sang to himself his favorite song:

In that land our fathers longed for
All our hopes will be fulfilled.
There we shall in freedom settle
There we shall a new world build.
Torah there again will bloom,
There the Shekhina find a home.

Shimon Bendl and his comrades were not the only ones. From every town, young men and women, Zionist and otherwise, started out with the same desire: to reach the far-off promised land, Jerusalem, Tel-Aviv, Jaffa and Haifa, the colonies and kibbutzim. They were to be found waiting in every port city. They sailed on every wandering ship. They smuggled across every border. Those that were caught stood at the fences of the concentration camps, with yellow faces, beaten bodies, dreaming a single dream: certificates. They wore down the threshold of every consulate asking for visas. As in the days of Sikhun, they swore:

We will not stray into any field or vineyard. We will not drink water from a well. We will travel the royal road until we cross your border. But are not Sikhun's hounds today the same as those of old?

Far away was the Jewish earth. Barred was the desert. No pillar of cloud showed the way by day. No pillar of fire lit the night. Hidden was God's countenance. Each was beaten. His enemies scoffed: "Where is your God, Israel? Why is he silent, your protector? Where is His right? Where is His pledge? Your prophets have deceived you. God is himself a Nazi."

Jacob is burnt to death, Dinah dishonored. Shimon and Levi, gird your loins! Hope for no mercy. Amalek lies in wait for you. Pharaoh hitches up his chariots. All is as it once was: Israel and the Canaanites; God and idol; Egypt and the fleshpots. Moses is dead, but his words summon you: "Rise up, oh, remnants of Israel, and prepare for the final battle. Like a torch is the House of Jacob and the House of Esau is straw. Rise up and fear not. Yours is the final victory. Unto you will come the Messiah."

ENDED AND COMPLETED.